בעזהשי"ת

כל חלב וכל דם לא תאכלו

קונטרס

# הודאת בעל דין

בקונטרס הזה יתברר בבירור גמור האמת לאמיתו, שבעוה"ר אכן אמת הוא שהיו מכשולות גדולות בענין הבשר הנמכר בחזקת "גלאט כשר למהדרין מן המהדרין", ושלא הי' מנוקר כראוי, ושבאמת נכנס לפעמים חתיכות גדולות השייכות לחלקי האחוריים באיטליזי הבשר.

והתועלת שיצא מקריאת הקונטרס הזה הוא:

שכל איש אשר עמדו רגליו על הר סיני, ואשר בוער בקרבו עדיין ניצוץ של יראת שמים, יפריש את עצמו ואת בני ביתו מאכילת בשר "בהמה" כזה אשר כל כשרותו אינו אלא סילוף וזיוף, וסמיית עינים ואשר "בעלי המכשירים בעצמם מודים על אי כשרותה"

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק'

הק' שלום יודא גראס

אבדק"ק האלמין יצ"ו

ור"מ בכולל בית ישעי'

"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

ברוקלין ניו יארק

שנת תשמ"ז לפ"ק

# הקדמה

שמועה שמענו ותרגז בטנינו, לקול צללו באזנינו, מאנשים אשר לא יודעים או לא רוצים לידע את המציאות המר, המתרחש בענין החלב והדם, ויש כאלו שטוענים, שכל הפרשה הוא רק כעין מחלוקת בין שתי כיתות, וכעין מחלוקת ב"ש וב"ה, וישנם כאלו שאומרים בפה מלא, שאין לאנשים הפשוטים להתערב בין הרבנים, ומעולם הי' כן שהללו אוסרים והללו מכשירים, אין עליו לקבל "חומרות" כל הפוסקים, והלואי שיהיו לו בנים טובים כמו הבעלי מכשירים", (אין זה ליצנות, רק בעו"ה כן שומעין משופרי דשופרי, השם ירחם!).

ואמנם הטענות הללו הם רק לאלו שאינם יודעים בין ימינם לשמאלם כלל וכלל, ואינם רוצים לברר ורק הולכים בסמיית עינים אחר פיתויי שוא של הס"מ וכת דילי', האורב לנפשות נקיות וטהורות.

## כי האמת הברור הוא

שאין כאן ב' שיטות כלל, וכולם בדעה אחת הם:

1. **כולם יודעים ומודים:** שאין שום חזקת כשרות על הבשר ההוא.
2. **כולם יודעים ומודים:** שאכן יצא מתוך החניות הכשרות, בשר שאינו מנוקר, ונמכר בתורת כשר.
3. **כולם יודעים ומודים:** שהרבה חניות שאין להם שום השגחה כלל.
4. **כולם יודעים ומודים:** שאין הקצבים יודעים הלכות ניקור.
5. **כולם יודעים ומודים:** שהי' זמן גדול שלא הי' בנמצא רק שנים היודעים הל' ניקור.
6. **כולם יודעים ומודים:** שלפעמים נשאר אחוריים, ונמכר בתור פנים.
7. **כולם יודעים ומודים:** שנשאר חלב דאורייתא על הבשר.
8. **כולם יודעים ומודים:** שהביאו לפניהם בשר שנשאר עליו חלב דאורייתא.

9. כולם יודעים ומודים: שהראו את הבשר עם החלב לעשרות רבנים ומנקרים.

10. כולם יודעים ומודים: שלא הניחו להכנס את האיש שהביא את הבשר עם החלב בשעה שדנו על החלב.

11. כולם יודעים ומודים: שבאו לדבר ולעורר את הרבנים המכשירים ולא רצו לשמוע.

12. כולם יודעים ומודים: שכל התי' שנשמע ברחוב שהמעוררים לא רצו להראות הבשר, בשקר יסודה.

13. כולם יודעים ומודים: שהתחננו אצל הקצבים שעכ"פ יעשה תיקון על ששה שבועות.

14. כולם יודעים ומודים: ששמעו בפירוש מן בעל המכשיר, שמרמים את העולם ונותנים להם בשר עם סירכות, בתורת "גלאט".

15. כולם יודעים ומודים: ששמעו מן בעל מכשיר שני, שלא מניח אף אחד ליכנס לראות את השחיטה.

16. כולם יודעים ומודים: שאופן החיתוך באמעריקא שונה מכפי שהי' באירופה.

17. כולם יודעים ומודים: שלא הי' המדובר על ענינים התלוי במנהגים.

18. כולם יודעים ומודים: שאין השגחה כראוי גם על חשש נבילות וטריפות.

19. כולם יודעים ומודים: שעוד בקיץ תשמ"ב יצא כרוז מהמכשירים שישנם חששות גודלות על הבשר.

20. כולם יודעים ומודים: שהחלטת האסיפה הגדולה ביום ג' פ' בראשית תשמ"ג. הי' שבעוה"ר ישנם חששות גדולות על הבשר, היפך ממה שפירסמו בה"דער איד".

21. כולם יודעים ומודים: שההחלטה היתה ברורה שהמעוררים על הבשר צודקים בעוה"ר.

**1. ולא כולם יודעים:** מה שהתרחש מתחת להשלחן, שהחליטו כמה נערים מנוערים, שלא לציית להרבנים, והחליטו אחרת, לטשטש המוחות ולפרסם כאילו אין שום יסוד להערעור.

**2. ולא כולם יודעים:** שלמעשה לא תקנו כלום מה שהחליטו אז הרבנים להשתדל ולנסות עכ"פ לתקן, ולמעשה לא נעשה כלום.

**3. ואף אחד לא יודע:** איך זה הצליח כל כך מעשה בעל דבר, לטשטש כל כך את המוחות, ולהשתיק בכח גדול ואדיר, ע"י הטעראר החזק, את קולות של הרבנים שיודעים את האמת המר.

**4. וכולם יודעים ומודים:** שבקרוב ממש נזכה לקול שופרו של משיח, ואז יתגלה לעיני הכל את האמת ואת המציאות המר, בכל הפרשה של ה"כשרות של בשר בהמה" באמעריקא.

**5. ויתגלה לעיני הכל:** שאסור הי' בהחלט לכל הדיעות ולכל השיטות לאכול בשר הזה.

**6. ויתגלה לעיני הכל:** החילוק בין אלו שאכלו בשר בהמה לאלו שלא אכלו. והי' ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד

## ועד אז ג"כ עם ה' חזקו ונתחזקה!!!
## ואל תגעו, ואל תכניסו שום בשר בהמה לתוך ביתכם
## וצא תאמר לו!!

וכל זה ועוד יותר, יתברר לעיני הקורא בקונטרס דלהלן, אשר הוא רק העתקה פשוטה מתוך הטיע"פ של **האסיפה הגדולה של התאחדות הרבנים שנת תשמ"ג**, שהי' בפומבי לעיני הכל, ואין מי שמכחיש אותו, וע"י הקריאה בקונטרס הזה יתברר לך קורא חביב, מה שהרבה אינם רוצים לידע שגם אלו הרבנים שאתה סומך עליהם. גם הם אוסרים את הבשר! והמבין יבין

קונטרס

# הודאת בעל דין

## קטעים מאסיפת הרבנים ביום ג' פ' בראשית תשמ"ג
## נעתק מטעיפ כלשונם ממש

א) העתקנו כאן רק כמה דוגמאות, והרוצה לידע את שאר ההמשך יכול לשמוע את הטעיפ [הוא מפורסם].

ב) מובן שהי' גם וויכוחים ופלפולים בדבריהם, אבל ממה שהעתקנו יבין הקורא בעצמו כל המתרחש די והותר. [עיקר כוונת ההעתקות הי' על הודאות בע"ד עצמם בענינים שאין נפק"מ הוויכוחים].

ג) הדיבורים הם מהרבה רבנים, ולא דברי רב אחד.

ד) היו שם הרבה רבנים נותני הכשר על חניות של בשר, ולפעמים הזכרנו שמותם בשם בעל מכשיר, ואין הכוונה תמיד על בעל מכשיר אחד.

ה) באמצע ענין לא השמטנו רק שמות אנשים וחניות ויש שם נקודות להיכר, וגם לפעמים יש נקודות כשיש איזה תיבה בלתי מובן.

א

דאקאמענט 1

### יש חניות בלי שום השגחה בין ההיימישע

.... דאס קען איך טאקע זאגן כמעט. למשל ס'איז דא בוטשערס, ביי מיר אין ביהמ"ד אליין, פלוצלונג א איד ווערט אבוטשער אן א השגחה און אן גארנישט, וואלט מען געברויכט פון דער אסיפה ארויסקומען מיט שטארקען אויפרוהף, אז אן א השגחה טאר מען נישט קויפן קיין פלייש.

ב

הודאה א'

### עד חודש אייר לא מצא מי שיכול להראות

.... איך בין אליין מודה, ביז דעם חודש אייר האב איך נישט געוואוסט וואס דאס מין ניקור איז. עס שטייט מען מוז דאך לערנען ה

מתוך, מ'מוז ווייזן, איך האב נישט געטראפן ווער ס'זאל מיר קענען ווייזן.

**הודאה ב'**

ג

## לפעמים נשאר 2־3 אינטש מאחוריים ויש קצבים שלא יודעים

.... איך בין דירעקט אראפ געפארן מיט איהם דארט אין ...... [**שם המקום, מן החרדים**] אין די יאטקע, און מען האט גענומען דארט א פלעיט[1], הייסט עס דא הי, היינט ווייסט דאך דער עולם שוין אביסעל מער, בימים ההם האב איך נאך אויך נישט געוואוסט פון וואס מען רעדט, זייט דעמאלטץ האט דער עולם אביסעל קלארער געמאכט, און ער האט מיר געוויזן אז ... צוויי דריי אינטשעס, קען אמאל אריין קומען צו געשניטען און עס איז דא קצבים וואס זיי ווייסן נישט.

**הודאה ג'**

ד

## א) כמעט א' מאתנו לא ידע מניקור עד עתה. ב) מצאתי מנקרים שלא ידעו כמה דברים

.... יא נאך אזאך איז יא נתברר געווארן דא ביי די אסיפה פון די מנקרים[2], אז סוכ"ס, די זאך איז דאך אזוי, דאס ענין פון ניקור, איז דאך די **לעצטע דרייסיג יאהר** — איך מיין דער סוף איז דאך געווען, **לאמיר אליין מודה זיין — אז ביז איצט ס' איז געווארן א שטיקל התעוררות, כמעט קיינער פון די רבנים [רב א' מעורר: זאגט מיך איינער אז ער קען יא]** אבער, בדרך כלל האט מען נישט געוואוסט דעם ענין פון ניקור, און די אלע מנקרים, ווי אזוי עס איז געווען דער סדר, קיינער איז דאך נישט געגאנגען צו קיין רב לערנען ניקור, צו קענען נעמען קבלה, האט זיך איין מנקר געלערנט ביים צווייטן, **איז ממילא געקענט אויסקומען פארשידענע זאכן**, וואס איך מיין איך **אליין האב געטראפן מנקרים וואס געוויסע זאכן האבן זיי נישט געכאפט.**

---

[1] היפך ממה שפירסמו והכחישו שלא משתמשים בחלק זה הנקרא "פלעי"ט".

[2] פי' באסיפה של ההתאחדות א' בהעלותך תשמ"ב.

ה

הודאה ד'

## א) בעצמי מצאתי מנקרים שלא ידעו מזה. ב) הלימוד לא הי' תחת השגחת רבנים

.... דער עיקר זעהט אוים צוויי זאכן, קודם דאס האב איך אליין געטראפן עטליכע מנקרים, איך מיין עטליכע פון די קצבים, וואס האבן זיך נישט געכאפט אויף דעם אז מען לאזט צו אביסעל דארטן נאכן טבור, איך האב אליין געטראפן עטליכע[3], זיי האבן זיך עפעס נישט געכאפט אויף דעם, מען האט איהם אויסגעלערנט אז מען דארף דארט מנקר זיין און ביז אהער קומט דער חלק הפנים, האבן זיי זיך עפעס נישט געכאפט אויף דעם. איך זאג דאך, אזוי ווי ס'איז נישט געגאנגען אונטער די השגחה פון קיין רבנים, דער לימוד.

ו

הודאה ה'

## היו כאלו שלא ידעו

[המדובר מן ניקור חלב דאורייתא]

.... [מדברים מן דיקע טענדערליין] ביי ......... [מקום ידוע מההיימישע] קומט זיכער ... הונדערט פראצענט, גוט איהר וועט זיך מפלפל זיין אויף א מציאות, עס איז געווען דייקא, שוין גוט איך זאג דאך איהר זענט, אודאי רובא דרובא נישט, איך וויל נאר זאגן אז עס האט געקענט פאסירן ווער עס ווייסט נישט ...... רב וויל אויף דעם מפלפל זיין אז יעדער ווייס, יא נו איז געווען אזעלכע וואס האבען נישט געוואוסט.

ז

הודאה ו'

## היו ממנקרים שלנו שלא ידעו לנקר החלב דאורייתא מהדיקע טענדער ליין — ומהכבד

.... און דער עיקר איז אינטרעסאנט טאקע, דאס וואס מען האט פריהערט גערעדט — איך ווייס נישט ווי אזוי זיי רופן דאס, דייקא, ווייס איך נאך נישט פונקטלעך — דאס הייסט דאס גראבע

---

[3] כל אלו השתמשו בפלעיט, נגד מה שפרסמו שהפלעיט אינו הולך להחניות החרדיות.

טענדערליין — הייסט דאס דא הי — טאקע דאס וואס מען האט דערמאנט פריער און דארט צום סוף איז אמאל צוגעשעפעט אשטיקל חלב, **דאס איז טאקע יא חלב דאורייתא לכל הדיעות**, און אפלא אין "גבעת פנחס" ווערט דאס נישט דערמאנט, איך ווייס נישט, צו אין אונגארן איז דער סדר געווען אז מען האט נישט גענוצט דאס שטיקל פלייש, למעשה האט עם דער "גבעת פנחס" נישט דערמאנט האלט איך אז דאס איז אפשר די סיבה וואס **האט זיך געטראפן, אזעלכע וואס זיי ווייסן נישט פון דעם אין דעם בין איך דאס תולה**, ווייל געווענדלאך **אונזערע מנקרים** האבן געלערנט דאס ספר, איך מיין ער זאגט נישט אז מען מעג דאס יא, ער רעדט עפעס נישט פון דעם חלק דאס איז איין זאך.

און נאך דעם ביים כבד, **האט זיך אויך געטראפן אזעלכע**, אויך די זעלבע מעשה. אין "גבעת פנחס" ווערט עפעס נישט דערמאנט, אז אין כבד דארף מען אראפנעמען חלב, **האט זיך אויך געטראפן אזעלכע וואס זיי האבן זיך אויף דעם נישט געכאפט.**

ח

## אין אנו מקבלים אחריות על שגיאה
### [פי' הזנחה והתרשלות]

.... איך בין לכאורה געווען מיט'ן גאנצן ... צו ... איבער געצייגט, אז דאס וואס מען שרייט דארט אין ירושלים, איז בכלל דער "סדר הניקור" — **איך זאג דאך דאס, דאס וואס עפעס אַ מנקר טרעפט א שגיאה דאס איז דאך א צווייטע זאך, פארדעם קען דאך קיינער נישט נעמען קיין אחריות**, אבער אז בדרך כלל, דער סדר הניקור איז נישט גוט, האב איך געהאלטן אז דאס האט נישט קיין מקור[4].

הודאה ז' ט

## ידעו בקיץ מזה שיש מנקרים שלא יודעים כמה דברים המנקרים אין להם קבלה

.... און דעם האט מען אויך געזען, **אז מחמת דעם וואס ס' איז נישט**

---

[4] עיין בהקו"ק של התאחדות אחר אסיפת בראשית שלמעשה אין שום סדר ומנהג קבוע.

דא קיין קבלה פאר די מנקרים, קען זיין געוויסע מנקרים וואס געוויסע זאכן, **אפשר ווייסן זיי נישט**, נו איז דאך אויך נישט קיין זאך וואס מען דארף שוין גיין תיכף שרייען אז ס׳ איז עק־וועלט[5] מתון מתון, מען האט געהאט א פלאן, **מען האט גערעדט מיט׳ן נשיא כמה פעמים**, תיכף נאך יו״ט וועט מען זיך אוועק זעצן.

י

## אומרים בשם הרבנים הצועקים נגד ההתעוררות שלא יודעים ניקור

.... אויף דעם ארויף, איז דאך נולד געווארן דער בריעף אין התאחדותינו, אז זיי האבן געזאגט אז זיי קענען נישט קיין ניקור, זיי זאגן נישט קיין מיינונג אויפ׳ן ניקור, דייקא דער .......... [א׳ מהחותמים] האט זיך געאקשענט אז דאס זאל מען יא אריין שטעלן אז ער האלט אז אין גרויסווארדיין האט מען נישט גענוצט דאס פלייש נאכ׳ן צלע י״ב. ער האלט אז מען זאל יא שניידן גראד מיט׳ן צלע י״ב. נו, ער מעג דאך זאגן זיין מיינונג.

הודאה ח׳ יא

## א) הראו לרבנים בשר עם חלב דאורייתא. ב) יעצו אותו לא להביאו בפנים אל כל הרבנים. ג) חנות מפורסם בין ההיימישע ואין לו השגחה. ד) מצאו חלב בעוד מקומות.

.... דייקא צופעליג זאגען **למען האמת**, איצט פריער איז דא געווען א איד **איך קען איהם פון קאנטרי**, א ליטווישער איד די זאך קען זיין איך מיין איך זאג נישט אז ס׳איז נישט ... **א איד א בן תורה, ער האט געברייגנט פון בארא פארק פון א בוטשער סטאר, א שטיק גראבן טענדערליין** — עס מוז נישט זיין קיין, **יא דארט צום סוף איז געווען צוגעלאזט א שטיקל פון דעם חלב הכליות, ס׳ איז אמת ס׳ קען זיין איך זאג נישט אז נישט.**

רבותי איך וועל אייך זאגן אשענערע זאך, **איך מיין ס׳איז נישט קיין זאך וואס מען דארף מפרסם זיין**, איך בין געווען אין א שטאט נישט דא הי דייקא, אונטערוועגנס האב איך שוין אפגעשטיגן איבעראל, דארט א מנקר **וואס איז מנקר דארט שוין פופצען יאר**, איך בין מיך סתם

[5] ואמתי הוא כן ״עק וועלט״.

געגאנגען, איך בין נישט געגאנגען קוקען דארט. ס'איז מיר נישט אינטערעסאנט געווען, סתם איך טוה דערין האב איך געוואלט הערן וואס דער זאגט וואס יענער זאגט, ווי אזוי מען טוהט דארטן — ווייז מיר א גראבן טענדערליין — האט ער אויך געוואוסט אז דארטן איז דא חלב, דארט צום סוף. מ'נעמט עס אראפ, אבער למעשה האט ער כשעורה איבער געלאזט, עס איז געווען צוויי שעורות אויך. זאג איך איהם, אהובי ידידי וואס טוהסטו דאס, האט ער עס אראפגענומען. נו ס'איז דאך א פשוטער חשבון, דארטן האבן זיך די רבנים אויך געהיצט, א בעל מלאכה אז ער טוהט א זאך טאג איין טאג אויס, ווען ער האט נישט אויף זיך קיין מורא בשר ודם קען פאסירן. איך זאג נישט ס'קען נישט פאסירן, למעשה בין איך נישט געגאנגען דארט אין דער שטאט קלעפין קיין פלאקאטן, נאר איך האב מודיע געווען דארטן די רבנים פון דער שטאט, רבותי, אזוי און אזוי, זייטץ מוחל קוקטס ענק בעסער אום.

זאג איך דאך, איצט פריער איז דא געווען א איד ער האט געוויזן א שטיקעל פלייש, ער האט געפרעגט צו ער זאל אריין ברענגן דאס שטיקל פלייש, דאס איז נישט אינטערעסאנט, זאג איך, ווייל מען גייט דאך ממילא דאס רעדין — עס קען זיין — איך קען דאך נישט נעמען קיין אחריות אויף דעם — אין בארא פארק איז דא, איך ווייס וויפיהל בוטשערס, צו איימיצער לאזט נישט איבער א שטיקל חלב, וואס קען איך אויף דעם זאגן, ס'קען זיין, א זאך וואס ס'איז נישטא קיין השגחה קען זיין, אז יענער ווייס נישט אזאך און אפילו אז ער ווייסט יא, וויבאלד עס איז נישט געווען קיין השגחה[6] און ער ווייסט עס אז מען קוקט איהם נישט נאך, קען פאסירן, אין הכי נמי. אויף דעם זיצט מען דאך און דאס טראכט מען, רבותי אכלל דאס איז בקיצור.

## יב

## א) בלי ספק יש כאלו שלא יודעים. ב) מחפשים עצה שיעשו מה שכבר כן יודעים.

.... נאכדעם איז די שאלה וואס מען טוהט וועגן דעם, וואס איך

---

[6] אנו יודעים שם החנות, והוא מפורסם בין חנויות המהודרות ואותו בן תורה קנאו לעצמו לאכילה והרבה חנויות כאלו אין להם השגחה, וזה א' מן הצעקות.

מיין, איך זאג דאך דאס **לדעתי בלי שום ספק**, אז ס'איז דא במרחקים[7] פון די שטאט געוויסע וואס זענען עוסק אין ניקור, איך מיין נישט חלילה מנקרים נישט די קצבים **וואס זיי ווייסן נישט געוויסע זאכן — ס'איז דא** — לכאורה אויף דעם וואלט געווען א עצה מען זאל יעדן פארהערן, און געבן קבלות, און נאכדעם אזוי וייט עד מקום שידו מגעת, מ'קען דאס פארהיטען, **אז דאס וואס מען ווייסט יא שוין זאל נישט געשעהן קיין איסר ... לדעתי איז דאס דער פראבלעם.**

## יג

## באו לדבר עם רב, ולא רצה לשמוע [מטעמים קלושים]

.... נישט וועגן דעם, ס'איז דאך אזוי דער פשט, ס'איז נישט, ווייל **מארגן וועט דאך יעדער מאן־דהו**, איך וויל דא זאגן יעצט, דאס זאל זאגן ווער עס וויל, **ס'איז געסטערן געוועזן בייי אגרויסן ת"ח א מורה הוראה בישראל, זענען געווען דריי יונגעך[8], אריין געקומען זיי ווילען מיט איהם רעדן אין ניקור**, האט ער זיי אן געקוקט האט ער געזעזן איינעם אֶ אֶ.אֶ (בביטול) פארשטייט זיך אז איהר וואלט נישט פון זיין שחיטה, פון זיין ניקור אויך נישט געגעסן, ער וויל מיט איהם מפלפל זיין ניקור, זאל ער דערציילן אז ער וויל, איך קען נישט זאגן ווער, ווער עס וואר, **דער שפיעץ איז געווען, אז ער האט זיי געמוזט ארויסווארפן פון שטוב**, זיי ווילען, זיי ווילען. און ווער דער מנקר איז ווייס איך פון וויא ער שטאמט און וואו ער איז יעצט אין דינסט, די אלע זאכן.

הודאה ט' **יד**

## יש חניות בלי השגחה, תקנות עם ראש הקצבים.

.... מען וויל מתקן זיין, ווי דער ............ רב, אז א מנקר זאל מוזן נעמען סמיכה ביי רבנים, כה תבא עליו ברכה, לא ירים איש את ידו ואת רגלו. דאס איז דאס דארפן מיר טאן בכל תוקף ועוז, און דארף מיר אין דעם וויא מ'זאגט — אלע שטיין, איינער ווער עס איז, **עס איז נישט קיין חילוק מ'קוקט נישט, וויא עס איז א בוטשער־סטאר אָן השגחה פון א רב, איז נישט דא וואס צורעדן, איז דאס פלייש אסור**, פארוואס?

---

7 כל מבין יודע שלא דואגים על אלו שאין להם שייכות להחרדים.

8 ידוע שמותם, והיו ת"ח.

וויא דער ............ רב טאמער בלייבט כשעורה אדער טאמער וועט ער נישט קענען, מען האט היינט געמאכט איך זאגן דעם אמת, **איך האב היינט** אליין געווען אונז מיז מיר דאך זאגן אונז האבען מיר געמאכט תקנות איך האב געזאגט פאר .... .......... [ראש הקצבים] אז ער מוז 3-2 זאכן אזוי מנקר זיין, אז פון עם זאל קיין חלב נישט קענען ארויס, אנדערע זאך ער האט ג׳זאגט אז ער איז מקבל[9].

הודאה י׳ **טו**

## א) רוצים לעשות תיקון על ששה שבועות. ב) במצב של היום מודה על חששות. ג) מתחננים אל הקצב.

רב בעל מכשיר אחד: איך קען נאך־זאגן אין נאמען פון ......... [ראש הקצבים] ווייל ער האט געזאגט, ער וועט פוילען אין שלאכט הויז, אז מען זאל פון דארט־אוים עם לאזן אראפנעמען, אז ס׳זאל נישט קומען מער צום בוטשער, אין די הענט.

רב [שהי׳] בעל מכשיר שני: איין מינוט אנטשולדיגט ... איך בין דאך געווען מיט׳ן ...... רב צוזאמען, מיט נאך אפאר רבנים זענען מיר דעמאלטץ געווען ביי ......... [ראש הקצבים] — **דערווייל האבן מיר געמאכט אזויפיל תיקון, וואס ער האט זיך אונטערגענומען אז 4 וואכן** — ה...... רב קורא: זעקס זעקס — זעקס וואכן, איך געדענק שוין נישט, יא דער ..... רב האט ג׳פועליט דארט, דארטן איז דא א מענעדזיער, און מנקר דער ......, הערטץ מיך אוים איך האב אזויפיל אויפגעטוהן אז פון דארט, אזוי קומט דאך די בהמות קומען גראד פון שלאכט־הויז, עס גייט אוועק צו איהם עם ווערט אריינגעלעגט ביי איהם אין פלאץ, פון דארט קומט יעדער בוטשער וואס ער באשטעלט, ווער עם באשטעלט פלייש **ממילא קען זיין**[10].

רב אחד שואל: אום כשר געמאכט? (הרב המכשיר ממשיך): אוודאי אזוי ווי זיי גייען גאנצע שטיקער, איז במילא דא א חשש טאמער דער[11] ...

---

[9] למה צריך לעשות תקנות אם אין שום יסוד להערעור. ולמעשה לא נעשה עדיין כלום, ועיין גם באות שאח״ז.

[10] מה יכול להיות? ודו״ק.

[11] איזה חשש יש? ודו״ק.

פארוואס? איך האב געפרעגט ........ [ראש הקצבים], קען אזוינס זיין? זאגט ער, עס קען זיין — אז דאס פלייש איז ווארעם און מען שניידט, מאכט זיך אמאל, אז דער גוי, אזוי איז ער אנגעזאגט, דער גוי ער שניידט, פון די צלע פון, פון די צלע י"ג אן, איז שוין א שווערע זאך, במילא קומט דער טבור, קומט דער גאנצער חלק אחוריים קען נישט אריין קומען, מאכט זיך אמאל א זאנס אז דער גוי שניידט נישט גוט, און ס'קומט אריין, און ס'קומט אריין ביי איהם ... פארשטייט זאך דאך, איז דא דער משגיח, זעהט ער אז ס'איז פארשניטען נעמט ער עס אראפ, קומט אריין צום א בוטשער — אזוי ווי דער ............ רב האט געזאגט און ווידער איז נישט קיין בקי, קען זיך מאכן עס קען זיך טאקע אזוינס שניידען, און דעים אז ס'זאל זיין .... דערווייל איז דארט ביי איהם א איד, אין דאס איז א שווערע זאך, ווייל דאס קומט אריין פארטאגס, מ'מוז האבן ספעציעל מענטשען, דאס פלייש קומט נישט אריין אין מיטן טאג בשעת עבודה, דער גוי לייגט אראפ דארטן מיטן טראק, און יעדער קומט אין דערפריה פארטאגס, נעמט דאס פלייש, בקיצור האט מען מיט איהם איין געארדינט, ער זאגט אויף 6 וואכן, מיר דאכט זיך 4, אז ער נעמט זיך אונטער, צו האלטן משגיח, ער זאל דורך קוקען אלע בהמות וואס זיי קומען אריין אויב ס'איז נישט צוגעלאזט דארט א חלק אחוריים.

אז טאמער איז דא וועט ער דאס אראפשניידן, אזוי אז ס'וועט נישט קענען זיין קיין מציאות אז ס'זאל קומען צו א קצב, סיי וועלכע קצב פון די גאנצע שטאט, וואס ער קויפט ביי איהם פלייש אז ס'זאל נישט זיין צוגעלאזט קיין חלק אחוריים — עס זאל זיין ... מיטן טבור וואס.

רב ב' שואל: — אפשר קען מען פועלין, וואס עפעס 6 וואכען?[12].

רב א' משיב: הערט מיך אויס — רבותי לאמיר קודם זאגן — איך זאג דאך אייך, וואס איז געוועזן (רב ב' שואל: אפשר קענט איהר דאס טאן ...) תשובה גוט, גוט, רב א': זעה איך האלט שוין דא הערט זיך איין.

רב א' מתערב: איך האלט שוין ווייטער, מיר האבן מיט איהם היינט געשמועסט, איך האב אהין גערופן זאג איך, איך גיי היינט צו א אסיפה זאג איך, איך האב מיך דעמאלסט פון איהם, איהר ווייסט דאך, איך האב מיך געשטארקט, איך האב געזאגט ס'איז בין כסא לעשור, איך

---

12 קושיא חזקה, ודו"ק.

וועל נאך ווייס איך וואס טאן, ס׳איז שווערקייטן איך וויל נישט זאגן, אז ס׳איז נישט, איר פארשטייט ווייל דאס פלייש וואס ער מאכט כשר, געט ער איבער פאר זיינע מנקרים און דער ר׳ ..... קוקט איבער דעם פלייש וואס מען געט ארויס פאר בוטשערס, א אנדעטע זייטן, דאס איז דאך זאג איך פאר ........... [ראש הקצבים] — האבן איך היינט געזאגט — דו זאלסט וויסן זיך די נישט קיין צרות פאר כלל ישראל, איך זאג דיר צו, זאל דיך קאסטן אפילו נאך צוויי מענטשען — וואס עס איז נישט אמת ווייל דארט, מיר זאלסטו אראפנעמען דעם שלייעם אויך, האב איך געזאגט ס׳זאל קומען אנעדעם שלייעם, און אנעדעם חלב, קיין שום, נאר חוטין ברוויכסטו נישט מנקר זיין.

טז

הודאה י״א

## א) נותנים בשר עם סירכות בתורת גלאט. ב) בעל מכשיר א׳ אומר שמרמים את העולם.

.... מדברים מצלע י״ב, ושואל רב א׳: אזוי וויא מען נוצט נישט קיין סירכות חאטשיג ס׳איז כשר, סירכא פלייש ... [פי׳ כמו״כ לא ישתמשו בצלע י״ב].

רב שהי׳ בעל מכשיר משיב: **הלוואי, הלוואי, וויפיל מען נוצט יא, מען האט אראפגענומען סירכות, דאס איז גלאט פון דעסטוועגן נוצט מען סירכות, מען קען דאך נישט זאגן מען נוצט נישט קיין סירכות. פאר דעם עולם קען מען זאגן, מען ניצט נישט קיין סירכות — דעמאלטס וואלט איהר נישט געקענט האבן קיין פלייש צופארקויפן, ס׳איז דא ס׳מאכט זיך, ס׳גייט נישט לייכט אבער עס טרעפט זיך אמאל.**

רב בעל מכשיר שני מוחה: זאלטץ מיר מוחל זיין אויף דעם וועל איך ענטפערן, חלילה אזא סטעיטמענט צוגעבן, אז אונדז נעמען ח״ו סירכות, חס־ושלום .... וכו׳.

יז

הודאה י״ב

## הודאות: א) המנקרים לא יודעים. ב) יש מקומות בלי השגחה. ג) רוב רבנים אינם בהענין.

.... איך שלאג אייך פאר, וואס מען האט געדארפט דא קודם דעם זאל מען מ׳האט עם פריהער פאר געשלאגן, אז ס׳איז דא, דא הי

בוטשערים וואס האבן נישט וואס זיי ווייסן נישט וויים נישט **אויב שריפטלאך האבן זיי זיכער נישט אז זיי קענען.** דארף מען אנהויבן אזוי, אז פון היינט מאל אן, מוז יעדער ווער ס'איז זיך עוסק אין פארקויפען פלייש, ער האט א פלייש באנק, **קודם האט מען געדארפט מאכן אז מ'מוז האבן א השגחה מוז זיין**, דאז איז איין זאך. נאר דאס איז נאך נישט גענוג אז ער זאל האבן א השגחה, אויף אונדז ליגט אזויפיהל אחריות. אז מ'מיר זעהן, אז די פארקויפערס די בוטשערס זאלן קענען אויסער דעם וואס ער האט א השגחה, יעדער איינער וואס איז עוסק אין דער פלייש מוז גיין.

מען האט געדארפט אויף שטעלן דא א פאר רבנים, וואס זאלן אליין קענען גוט ניקור, ביי דעם זאל זיך אנהויבן, מען זאל וויסען די קענען ניקור, היימישע רבנים. און די האבן די סמכות פון די התאחדות הרבנים צו געבן סמיכה, פאר די בוטשערס וואס דארפן פארקויפן פלייש, **און ס'זאל נישט קענען א איד פארקויפן קיין פלייש פיידען אויב ער איז א מנקר. מען מוז דאך מנקר זיין, אבער ער האט א מנקר, וואס ער איז דארט שטענדיג וואס ער איז דער קוקט איבער אלע,** און דער מנקר יהיי מי שיהיי, ס'ידא מנקרים, וואס האבן סמכות, דער רב ז"ל איז געווען אין אייראפע, האט ער דארט איין געפיהרט א שחיטה האט ער געמוזט האבן מנקרים, איז דא א פאר אידען, וואס ער האט זיי אויסגעלערנט וואס זיי האבן זיך אויסגעלערנט, און ער שרייבט אויף זיי איך בין אויף זיי מעיד, זיי קענען גוט די הלכה און זיי קענען גוט די מלאכה.

ס'איז דא אזעלכע, עס איז דא, ער האט פון פעסט, ס'ידא פון סאטמארע בית דין, ס'ידא וואס זיי האבן אויסגעלערנט ראחובער רב איז דארט געוועזן.

רב *בעל מכשיר מתערב*: מען מוז אלץ מוסיף זיין אויף די ... לדעתי, העט איך געמיינט, דער התאה"ר זאל ממנה זיין דריי רבנים זיי זאלן זיך אריין לעגן אין דער הלכה, בכל פרטותיי ודקדוקיי, **ווייל איך מיין רוב רבנים זענען נישט דערינען, אין דעם, דאך גם אני בתוכם איך בין נישט בקי אין מציאות פון די ענינים.** און ס'מוז זיין די התאחדות הרבנים זאלן ממנה זיין דריי רבנים אדער אפשר מער נאך, און זאלן זיך אריין לעגין, ראשם ורובם בכל פרטיי ודקדוקיי פון די הלכה, און זיי זאלן נאכדעם זיין דורך קוקען איבערקוקען די בוטשערם.

רב א׳ מוסיף: און יעדער מנקר מוז באקומען פון די דריי רבנים אז ער האט זיי אויסגעלערנט אז זיי קענען דעם נסיון זיי קענען די הלכה און זיי קענען.

רב בעל מכשיר: און די דריי רבנים זאלן לפרקים גיין טאקע באקוקען ביי די מעשה, צו מען האלט איין די דאס צו נישט, און נאך דעם ווען די דריי רבנים וועלן שוין זיין ממש בקי בכל פרטיי ודקדוקיי, און מיט אלע אופנים, **נאך דעם למען השקט הרעש זאל מען צוזאם קומען מיט די ארץ־ישראל׳דיגע, די וואס האבן געמאכט דעם שם רע, און מען זאל ווייזען אז דער שם רע איז נישט דא.**

## יח

הודאה י״ג

## החלטת היו״ר באמצע האסיפה

היו״ר מכריז: .... מען גייט אוועק פון א אסיפה [רב א׳ מפסיקו — סימוז ארוים א דבר ברור), ביז מען ארלעדיגט נישט א זאך, מען טאר נישט אוועק גיין, זאג איך אז דערווייל חאטש די רבנים האבן נאך גארנישט אויסגעלערנט זאלן די רבנים נעמען צו א מנקר וואס מען ווייסט אז ער קען, .... א רגע א רגע, דערווייל איז די, **דאס זאל מען שוין ארויסגעבען א קול קורא אז מען בעט קיין שום איד זאל נישט עסן קיין פלייש, דארטן ווי ס׳איז נישט דא קיין השגחה, ווייל דער חסרון איז נישט צו פון האלטן א בוטשער סטאר.** צו פון ...... [שם חנות מפורסם], צו דאס, ס׳איז דא אן א שיעור בוטשערס וואס האבן נישט קיין שום השגחה און גארנישט.

אחד שואל בקול: דער משגיח אליין קען דאך נישט?[13]

תשובה: נו, ווייטער דאס זאל מען שוין טאן די צוויי זאכן, **אז נישט קיין השגחה זאל מען נישט קויפן,** און דאס איבעריגע זאל מען שוין, **די 3 רבנים חאטש זיי קענען נאך נישט, זאלן זיי צונעמען א מנקר וואס מען ווייסט ער איז גוט אדער מען זאל שיקען רופען,** איהר לעיגט דאס אפ איז גארנישט ווערט, דאס זאל מען שוין טאן און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, מען זאל צונעמען א מנקר, און מען זאל שיקען רופן יעדן בוטשער, און זעהן צו ער קען.

---

13 קושיא חזקה, ודו״ק.

הודאה י"ד

## יט

## עד שיתקנו — צריך ג"כ תיקון

...אבער איך וויל בעטן דעם עולם איך וויל געבן צופארשטיין א זאך וואס איך ווייס שוין פון אסיפות, אז מען ברויך עפעס זעהן, דעם תיקון וואס מ'ברויך שוין דער ווייל.

הודאה ט"ו

## כ

## רב אחד צועק, שנכנס חלק אחורים

...נאך אזאך דער נשיא האט זייער אפיינע זאך געזאגט, אז מען שניידט איין ביים צלע י"ב און נאר פריהערט, קען מען אפגעהיטן ווערן פון פארשידענע מכשולות.

**דא אין אמעריקא, שניידט מען רוב מאל אין חלק אחוריים.**

טאמער שניידט מען אבער צלע י"א אוודאי דעמאלטץ קומט אוים (אחד שואל? מען שניידט רוב מאל אין חלק אחוריים). תשובה: **יא, יא, יא** — קומט פאר, יא, אז קומט נישט פאר, אזוי וועט נישט פארקומען און נאך פארשידענע זאכן וועט מען באהיטן.

**דער טרפש קומט אין גאנצן אריין, דער צווייטער זייט פון טרפש איז דאך חלב דאורייתא, און דאס קען מען זייער שווער אנקלינען,** למעשה זאגן מיר יא, למעשה יא בא די כסלים אונטען אז דא א קרום העב, א קרום הדק, טוהט זאך מיט די חלב אונטן אז רוב פוסקים וואס זיי אסרין, פאר וואס זאלן מיר אונדז זיין די מענטשן (**כאן יש קולות וזעקות מכל הצדדים באנדרלמוסיא גדולה**) — ס'איז א כלל אין אלע ספרים, און אר"ש איז דאס אין שבת, אז א איד דארף אוועק לויפן פון צ"ט שערי היתר, ער זאל נישט אן קומען צו איין שער פון איסור, עם כל זאת, **לויטער איידעלע רבנים ווען אוועק גיין אננעמען אלע קולות,** — יא מיר האבן מיר א היתר — מיר האבן מיר א היתר. וואס הייסט א היתר, אונדז, ברויכען מיר אנצונעמען אלע חומרות, צאם שטעלן אלע חומרות, ווען איינער וויל נישט האבן אלע חומרות, וועט עם זיין כשר, נישט "כשר למהדרין", למהדרין כשר ברויך אויסצוהאלטן לויט אלע שיטות אזוי האלט איך (**כאן יש וויכוח חם מאוד בלתי ברור**).

הודאה ט"ז

כא

## א) מכשולות גדולות בניקור. ב) עובדא מחנות שיש לו השגחה. ג) עצות על תיקון.

.... ס'איז דא רבנים וואס האבן מיך שוין מקדים געווען, אבער אעפ"כ מוז איך זאגן מיין דעת וואס איך האב פריערט אין זיינען געהאט.

דא פון דעם ......... רבי'ם ווערטער בין איך נתעורר געווארן אז די פראגע, איז אויף געשטעלט געווארן אויף א פאר פונקטין.

קודם כל איז די שאלה, **מיר רעדן נישט פון עבר** — אזוי ווי דער ........ רב האט געזאגט — **אל תזכור לי ראשונות**, מיר האלטן יעצט נישט ביי ווער ס'האט דא געטאן א פעלער, ווער ס'האט יא געטוהן, ווער ס'האט נישט געטוהן, **מיר האלטן יעצט מתקן צו זיין וואס מען דארף מתקן צו זיין**, ווען ס'זאל קיינמאל נישט זיין קיין ערעור אין דעם און קיינער זאל נישט זיין גערעכט אין דעם ענין און דער ערעור איז נאר א בלבול בעלמא, **דעמאלט דארף מען אויך זען מתקן צו זיין**. דא איז נישט די שאלה פון די בוטשעריען וואס זיי האבן ערליכע משגיחים, ס'איז פאראן דא למשל ....... האט ר' ...... ............. און איך וויים נאך ווער ר' .... ..... ..........., און וויים איך, די זענען די מנקרים די קענען זייער הלכה און זיי וויסען וואס זיי דארפן צו טאן. אבער איך רעד **עם איז דא צום ביישפיהל, אזעלכע מנקרים וואס זיי האבן קיין אנהונג נישט, איך וויים נישט ווי ווייט זענען נאר פארלעסליך אויף שמירת שבת, מען נעמט זיי אריין אלץ ארבעטער, מען נעמט זיי אריין זיי זענען גארנישט פארלעסליך און זיי וויסען נישט בין ימינם לשמאלם, און זיי האבן נישט קיין געפיהל מיט אמאהל פאר קיין כשרות, און נישט נאר זיי זענען נישט באגלייבט אויף כשרות ע"פ התורה, נאר זיי האבן גארנישט קיין אנהונג פון דעם ענין.**

דארף מען זען אז איבעראל, ווער עס איז געשטעלט מנקרים, איז נישט טייטש אז עס איז דא דער מנקר, **איך וויים שוין מאקע דארט אגעוויסע, דארט אין א פלאטץ, וואו מען האט זיך פארצויגן, דער איז דער מנקר, און דער איז דער משגיח, האב איך יעניגען געפרעגט, די ביזט מאקע דער משגיח דארטן איי — זאגט ער — דאס וואס ס'קומט אן צו עם**

**דאס איז ער מנקר אזוי וויא די הלכה איז, אבער אז ער זאל האבען השגחה אויף דעם וואס א צווייטער טוהט, דאס איז נישט אונטער זיין אחריות.**

איצט קודם, דארף מען זעהן אז מען זאל איבעראל שטעלן מנקרים, וואס זיי קענען דעם פאך. און וואס זענען באגלייבט אויף דעם עפ"י התורה, אז זיי זאלן מנקר זיין.

און אויסער דעם איז טאקע האלט איך צו, צו דעם וואס דער .... האט געזאגט, מען זאל שטעלן, מען זאל אויסלערנען אינגעלייט, וואס זיי זאלען טאקע אויף דעם געביט ארבעטין, זאל קענען די הלכה טאקע על בוריי, און זיי זאלען קענען נישט נאר על בוריי פון שו"ע, נאר זאלן וויסען פון פראקציעס, זאלן וויסען פון די מנקרים וואס זיי האבן שוין געארבעט אין דעם און זענען פארלעסליכע און ערליכע, זאלן צו־צייגן א יעדע זאך וואס דאס איז, און וואס מען דארף צו טוהן, און וואס מען דארף מתקן צו זיין, און די זאלן האבן דערנאך די השגחה אויף די אלע בוטשעריען וואס עס גייט דורך **אפילו וועו ס'איז דא ערליכע מנקרים, און ערליכער**, זאלן זיי האבן די השגחה אויף דעם.

**הודאה י"ז** כב

## רב אחר מספר עובדא אחרת

.... איך וועל אייך זאגן, איך האב נאר אזויפיהל געוואלט זאגן, בא אונדז אין ....... [קהלה ביוראפ] איז דאך נישט געווען אזא גרויסע קהלה, איז געווען א משגיח אויף ניקור, א משגיח וואס איז געוועזן א מוסמך, א ת"ח דאס איז געווען זיין פרנסה, און דעם טאשנאדער רבי'ס ברודער, מען האט איהם אהין געברענגט אויף ......... אלטץ א משגיח אויף מנקרים, שוין וואס הייסט עפעס, וויא, וואס, ווען.

**ס'איז געווען א מעשה, א פאר יאר צוריק**, מ'האט מיך געפרעסט מיט א השגחה אויף א יאטקע אויף א שלאכט באנק, איך האב מיך נישט געקענט ארויס דרייען בשום אופן האב איך עהם נאכדעם געזאגט, **איך קען דאך נישט קיין ניקור אפילו. זאגט ער, איך קען דאך אבער גוט**, ער איז טאקע פון די גוטע מנקרים אין ........ זיין טאטע איז געווען, אין אלעס, **זאג איך, אבער איך קען דאך נישט, אז איך קען נישט ווי קען איך**. למעשה מוז מען דאס האבן, און מען דארף וואס וויינעגער רעדען פון

דעם, וואס איז געווען אין עבר, ווייל ...... (רב א׳ מפסיקו בהתעוררות:) מען האט שוין אזויפיהל גערעדט, לאמיר זעהן צו איהר האט שוין געהאט די רבנים, וואס ווילען זיך אויס לערנען ניקור זאלען קענען.

כג

## רב אחר מעורר על חשש חדש — שלא לנקר בשר קפוי.

.... ווייטער, איך וואלט געוואלט משמיע זיין! נישט נאר פאר אייגענע... נישט פון נסתרים נאר מען לייגט דארט געוויסע מאס... וואס מען וועט איבערצייגט ווערן אלץ מער מבין, וואס עס איז טוט פארבעסערן ריין די צינגען דאס זאל מען... אויב מען זאל נישט מדקדק זיין אויף דעם, אז מען זאל נישט רייניגען קיין פלייש געפרוירינגערהייט.

ווייל איך זאג אייך בהחלט, מענטשן האבן אויף דעם מודה געווען, אז מען רייניגט פלייש ווען עס איז געפרארען פארלירט די קענטעניש, חאטשיק אויף זיבעציג פראצענט (70%)... איך וויל ס׳זאל דאס איימיצער נאך זעהן.

כד

## אין המדובר במנהגים

.... דאס וואס דער קאשויער רב האט יעצט מערער געווען דאס האט נישט צוטאן מיט מנהגים, סיהאט צוטאן מיט (מפסיקים) — ער זאגט, איך זאג דאך וואס ער זאגט[14], מען האט געטראפן אזעלכע זאכען, איך זאג דאך וואס ער זאגט, אויף דעם וועט דאך ווייטער נישט זיין קיין להשקיט הריב. (מפריעים).

כה הודאה י״ח

## א) הקצב מודה שנכנס חלק אחוריים. ב) ביוראָפּ הי׳ יותר טוב.

רב בעל מכשיר: איך וויל זאגן, געזאגט פריער... איך האב טאקע

---

14 וכופל כ״פ ״ער זאגט״. והלא בעצמם ראו באסיפה ההוא בשר עם חלב דאורייתא (וכנ״ל באות י״א) רק כולם פחדו לומר האמת כמות שהוא.

ארײן געטראכט טאקע, ס'איז בײ אונז איך װײס זיכער אין ..... האט מען גענוצט די צלע י"ב אין ...... האט מען אויך גענוצט אין כמה מקומות, האב איך געזאגט פאר ........... רב, אז איך װאלט געמײנט, אז דא הי װאלט געװען א סברא, עס נישט צו קענען, נישט צוניצען, ער האט עס מיר אויך געזאגט, איך האב עהם נישט אזוי גוט פארשטאנען — רעדנדיג מיט עם האב איך איהם געזאגט, פארוואס?

װײל דא איז דא א גרויסער חשש, אז ס'װערט צוגעשניטען דער חלק אחוריים, און, און דעים מאכן מען דא הי.

